"I told you from the start it wasn't for you. This occupation doesn't suit your character. But you wouldn't listen," said Rosa reproachfully.

Dusha was silent for a minute, then, snuggling deeper into Rosa's chest, she whimpered: "Rosa dear, I've got something to tell you …"

"What?"

"I love him," Dusha sobbed.

"Who?" Rosa asked in astonishment.

"Alex."

"Who's Alex?" asked Rosa in surprise.

"The young man your friend brought along."

"Oh, that's it?" Rosa said with a laugh. "So, that's all it is—ha-ha-ha!"

Dusha stared at her in amazement: "Why are you laughing?"

"Why am I laughing?" Rosa smiled ruefully. "Our kind, we can't let ourselves fall in love. That's all right for 'goyrls,' we have no time for such foolishness. Here today, gone tomorrow. Getting too involved with one man is not a good idea."

Dusha looked even quieter and sadder now, and just went on staring at Rosa.

Rosa stretched and yawned. "I was once in love too, but that was so long ago."

But Dusha kept staring at her with those big eyes, so she added: "I told you, this profession is not for you. In this profession you can't fall in love. No good can come of it."

And Dusha sat on the bed, lost in thought, staring into the distance …

# די טויבן פֿון סקווער

## I

איבער דעם באַליבטן סקווער פֿון לאָנדאָן, אויף וועלכן עס שטייט דער באַרימטער דענקמאָל פֿון אַדמיראַל נעלסאָן, האָבן זיך פֿון קדמונים אָן אויפֿגעהאַלטן טויבן. די טויבן מאַכן זיך זייערע נעסטן אין די הויכע געזימסן פֿון דעם וועלט באַרימטן קונסט־מוזעום, די נאַציאָנאַל־גאַלעריי, וואָס שטייט אין פֿראָנט פֿון סקווער, ווּ עס איז אויסגעהאַמערט פֿון שטיין די גרויסע פֿיגורן פֿון די גריכישע געטער און געטינס. די טויבן זשענירן זיך נישט און מאַכן זיך זייערע היימען צווישן די געטער, אַפֿילו אונטער דעם הוט פֿון גרויסן אַדמיראַל, פֿון דעם נאַציאָנאַלן העלד, האָבן זיי זייערע נעסטן. שוין אָפּגערעדט, אַז זיי באַנוצן זײַנע ברייטע שליפֿענע אַקסלען פֿאַר אַ גוט אָפּרופּלאַץ נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפֿן.

איבער דעם סקווער וווינען די טויבן פֿון ווײַטע, לאַנג פֿאַרגעסענע יאָרן. די טויבן זענען אַזוי צוגעוווינט צו דער שטאָט, אַז זיי אַנטלויפֿן נישט פֿאַר די מענטשן. זיי האָבן זיך אָפּגעלערנט אַראָפּצועסן פֿון מענטשנס הענט, אָדער פֿון די קינדער, וועלכע די מאַמעס ברענגען אַהין מיט קרישעלעך ברויט די טויבן צו שפּײַזן. עס געפֿינען זיך אַזעלכע „משוגעים“, וועלכע זאַמלען געלט אין די קירכעס פֿאַר שפּײַז צוליב די טויבן פֿון סקווער, און טראָגן זיי יעדן טאָג זייער טאָג־טעגלעכע חיונה. זיי זענען אַזוי צוגעוווינט צום רעש און געפּילדער פֿונעם באַליבטסטן סקווער פֿון שטאָט, אַז זיי שטעלן זיך אויף די געזעסן, אויף די מאָטאָרן פֿון די אויטאָבוסן, וועלכע לויפֿן אַדורך אין די הונדערטער צו יעדער צײַט פֿון טאָג דורך דעם סקווער. זיי פֿליִען אַרונטער גערדיכט אונטער די רעדער אויפֿצופּיקן אַ ברעקעלע, אָדער שטעלן זיך אָפּ אויפֿן טראָטואַר אין מיטן געדרענג פֿון די מענטשן, פֿליִען פֿאַרבײַ די דורכאײַלנדיקע אויטאָמאָבילן און עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט ווערט די טויב איבערגעפֿאָרן, ווערט די טויב צעקוועטשט אונטערן ראָד, צעטראָטן פֿון מענטשנטריט. אָבער עס טרעפֿט קיין מאָל נישט, אַז מען זאָל אַ טויב איבערפֿאָרן, צעקוועטשן, צעטרעטן, אָדער עס זאָל וועמען אײַנפֿאַלן אַ טויב צו כאַפּן. זיי זענען אַזוי געניט, אַזוי אײַנגעוווינט צו דעם האַסטיקן רויש אין וועלכן זיי לעבן, אַז זיי מײַדן אויס דעם טויט פֿון פֿאַר די אויגן, און גייען אַרויס פֿון די אויטאָמאָביל־רעדער אומבאַרירט.

דאָס רובֿ פֿון די טויבן זענען טאַקע געבוירענע און אויסגעהאָדעוועטע אין סקווער. זייערע עלטערן האָבן זיי אויסגעבריט אין די רעדער פֿון „זעוס“ רײַטוואָגן, אָדער צווישן די שיינע פּיס פֿון „אַפּאָלאָ“, וואָס איז אויסגעסקולפּטירט אין דעם גריכישן געזימס איבער דעם קינגס־מוזעום, וואָס שטייט אין סקווער. אַנדערע ווידער האָבן געזען דעם טאָגשײַן אין דעם הוט פֿון אַדמיראַלישן דענקמאָל, אָדער אויף די פּלייצעס פֿון „נאַציאָנאַלן העלד“. אָפֿט מאָל מאַכט זיך, אַז אַ „זי“ פֿון די סקווערטויבן לאָזט זיך אַרויס פֿון שטאָט און פֿאַרפֿירט אַן „ער“ פֿון דאָרף אין שטאָט אַרײַן. די פֿרעמדע טויב פּרוּווט זיך אײַנלעבן מיט די שטאָטטויבן, אין רעש פֿון שטאָט. טייל מאָל טרעפֿט, אַז אַזאַ פֿרעמדע טויב פֿון דאָרף געוווינט זיך ביסלעכווײַז אײַן צום שטאָטלעבן, לערנט זיך אויס צו ליגן צווישן די אויטאָמאָבילן־רעדער. אָבער אין מערסטע פֿאַלן ווערן די פֿרעמדע טויבן פֿאַרשווּנדן. אָדער זיי פֿליִען צוריק אין די דערפֿער, פֿון וואַנען זיי זענען געקומען, אָדער מען געפֿינט זיי אין אַ פּאָר טעג אַרום צעקוועטשטע צווישן די רעדער פֿון די אויטאָבוסן, אָדער אויסגעמוטשעטערהייט פֿאַלן זיי אַראָפּ מידע פֿון הויכן פּעדעסטאַל, אויף וועלכן עס שטייט די פֿיגור פֿון אַדמיראַל, און באַשפּריצן מיט זייער בלוט דעם טונקעלן פֿאַרשטויבטן מאַרמאָר פֿון דעם באַשטאַנד. נאָר קיינער באַמערקט עס נישט און קיינער זעט דאָס נישט.

אַז עס קומט פֿאַר נאַכט, ווען די זון הייבט זיך אָן צו זעגן ערגעץ ווײַט הינטער דער שטאָט, און אין דער שטאָט אַליין ווייסט מען נאָר דערפֿון, וואָס מען הייבט אָן אָנצוצינדן די גאַסנלאָמפּן, באַהאַלטן זיך די טויבן אין זייערע נעסטן, זוכן שוץ צווישן די גריכישע „געטער" און „געטינס" פֿון מוזעום־געזימס, אין דעם גרויסן הוט פֿון אַדמיראַל נעלסאָן. דענצמאָל הייבן זיך אָן איבער די טראָטואַרן פֿון סקווער צו באַווײַזן זיך גאַנץ אַנדערע טויבן, נאַכטטויבן אין געשטאַלט פֿון יונגע מיידלעך, אָנגעטאָן אין זייער עלעגאַנטע קליידער, אויפֿפֿאַלנדיק קורצע ספּאָדניצעס, פֿון וועלכע עס זעען זיך אַרויס די לאַנגע געטאָקטע פֿיס, באַצויגן מיט פֿליישיק קאָלירטע זײַדענע זאָקן, אין שוואַרצקאָלירטע גריכישע שיכלעך, און הויכע ברייט־רונדיקע מיט שפּיצן באַזוימטע קאַפּעליושן, פֿון וועלכע עס קוקן אַרויס שוואַרצע אויגן, קאַרשנאויגן, בלויע סאַפּירן און בורשטין־שײַנענדיקע קאַרע אויגן, און רייצן און ציִען נאָך זיך יונג און אַלט.

די מערסטע פֿון די מיידלעך, וועלכע דרייען זיך איבער דעם סקווער אין אָוונט, זענען היימישע, אַזוי ווי די טויבן, געבוירן אין סקווער, אויפֿגעצויגן צווישן די רעדער פֿון די אויטאָמאָבילן און מאָטאָרן פֿון די אויטאָבוסן און שטויב פֿון די געמויערטע הײַזער אויף אַספֿאַלטגאַסן, אויסגעבריט אויף דער שטאָטזון. און אַזוי ווי די טויבן גייען זיי דורך צווישן די מענגע מענטשן, דרייען זיך הינטער די פֿיס פֿון פֿאַרבײַגייער, מישן זיך אויס מיט די נאַציעס פֿון דער וועלט, וואָס שפּאַצירן אין די אָוונטן אויפֿן סקווער, און קומען אין לײַבלעכער באַרירונג מיט אומבאַקאַנטע, פֿרעמדע וועזנס און גייען אַרויס גאַנץ אומבאַרירט, נישט פֿאַרלירנדיק דערבײַ דאָס מיידליש־טויבנדיקע, וואָס זיי באַזיצן. נאָר טייל מאָל מאַכט זיך, אַז עס פֿאַרבלאָנדזשעט צווישן די היימישע מיידלעך אַ פֿרעמדע פֿון דאָרף...

אויפֿן סקווער, אין גרעלן פֿאַרנאַכטלעכן עלעקטרישן שײַן, צווישן די פֿיל פֿאַרבײַגייענדיקע, האָבן געשפּאַצירט צוויי מיידלעך; ביידע געקליידטע אין יענעם אויפֿפֿאַלנדיקן שיק און רייץ, מיט וועלכע עס נעמען זיך אויס אַ געוויסע סאָרט מיידלעך, און וואָס אַנדערע פֿרויען, נישט פֿון זייער פּראָפֿעסיע, מיִען זיך זיי נאָכצוטאָן און קענען נישט... די מיידלעך, וואָס האָבן אויסגעזען אויסערלעך ווי צוויי גלײַכע אין יאָרן – כאָטש אין דער אמתן נישט אַזוי – האָבן פֿאַרגעסן דעם ציל פֿון זייער גאַנג און גערעדט צווישן זיך פֿאַרטרוילעך, פֿון היימישע זאַכן.

– און די מאַמע האָט זייער געוויינט, ווען דו ביסט אַוועקגעגאַנגען? – האָט איינע געפֿרעגט די אַנדערע אויף ייִדיש.

– ניין, געוויינט האָט זי ניט, פֿאַר וואָס זאָל זי וויינען, זי האָט דאָך געוווּסט, אַז איך פֿאָר צו דיר.

– און וואָס מיינט מען אין דער היים אויף מיר? וואָס זאָגט מען, וואָס טו איך דאָ? – האָט די עלטערע ווידער איבערגעפֿרעגט דער ייִנגערער, פֿילײַכט צום הונדערטסטן מאָל.

– דער פֿאָטער האָט דאָך דערציילט אין שולכל, וואָס דו האָסט אַהיים געשריבן אין בריוו, אַז דו ביסט אָנגעשטעלט אין אַ גרויס געשעפֿט פֿון ווײַסוואַרג, און אַז דו פֿאַרדינסט שיין געלט.

– גלייבט מען אין דער היים? גלייבט מען?

– פֿאַר וואָס זאָל מען ניט גלייבן, אַז דו האָסט אַזוי געשריבן.

די עלטערע האָט אַ מינוט שטיל געשוויגן.

– מיינסט אפֿשר, אַז איך האָב ניט געאַרבעט אין אַ ווײַסגעשעפֿט? צוויי יאָר האָב איך זיך אָפּגעפּלאָגט בײַ יאָסלס זון פֿון דער היים, דעם געלן ברוך, ער האָט אויף ווײַטשעפּל אַ סטאָר. צו ערשט האָב איך געאַרבעט בײַ אים אין שאַפּ, פֿאַר צוואַנציק שילינג אַ וואָך, דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך וועל זײַן אַ „גוד גוירל", וועט ער מיר צולייגן צו צוויי „גינעס", נאָר איך זאָל נישט אויסזאָגן די אַנדערע. אָנגעטשעפּעט זיך צו מיר, אויף אַ מינוט האָט ער מיך נישט אָפּגעלאָזט. דערנאָך, אַז ער האָט מיך אַרײַנגעשטעלט אין סטאָר אַרײַן, בין איך

דאָך שוין גאָר געווען „זײַנע“, פֿאַרקויפֿט ווי אַ הונט, איידער בחינם איז דאָך שוין גלײַכער פֿאַר געלט, – האָט מען דאָך עפּעס דערפֿון.

יעצט האָט די יונגע געשוויגן.

– און גלייב מיר, עס איז גאָר ניט אַזוי דער מער מיט די שאַפּמיידלעך, אָדער די אָרנטלעכע סטאָרמיידלעך. עס איז דען דאָ איינס פֿון זיי אַן אָרנטלעכס? זיי באַלאַנגען דאָך אַלע צו די „מענעדזשערס“, ווי אויך צו די „באָסעס“ – זיי קענען דען טאָן, וואָס זיי ווילן?

די ייִנגערע האָט ווידער געשוויגן.

– און דאָ ווייס איך דאָך כאָטש פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען. גיי אַרויס אין סקווער אויף אַ פּאָר שעה, מאַך מיר מײַנע פּאָר „גינעס“ און בין מיר אַ פֿרײַער מענטש. קיינער „באַדערט“ מיך ניט, גיב דעם פּאָליסמאַן אַ פּאָר שילינג אַ וואָך, בין איך דאָך אַ פֿרײַער פֿויגל, וווין זיך ווּ איך וויל, קלייד מיך אויס.

– און קיינער ווייסט ניט דערפֿון? – פֿרעגט זיך די אַנדערע.

– וואָס מיינסטו, דאָ איז קראַצניץ, וואָס יעדער ווייסט וואָס דו טוסט? דאָ איז יעדער פֿאַר זיך.

די יונגע האָט ווידער געשוויגן.

– און מיט וואָס פֿאַר אַ דזשענטלמענס דו טרעפֿסט זיך דאָ, מיינסטו עס זענען אַזעלכע לײַט, ווי בײַ אונדז אין קראַצניץ? דאָ גייט ניט אַבי ווער אויס מיט אַ „ליידי“. דאָ גייט נאָר אויס אַ „דזשענטלמאַן“, פֿירט דיך אויף סאַפּער אין אַ פֿײַנעם רעסטאָראַן אָדער אין אַ טאַנצזאַל. אַ מאָל קען מען מאַכן די בעסטע „פּאַרטי“. וויפֿל „שאַנסעס“ האָב איך שוין געהאַט. וויפֿל דזשענטללײַט פֿון די „הויכע סאָסײַטי“ מיט גוטע „פּאָזישאָנס“ זענען געלעגן צו מײַנע פֿיס און געגאַנגען פֿאַר מיר די כּפּרה, געבעטן זיך בײַ מיר, אַז איך זאָל גיין מיט זיי „נעמען רומס“.

– און פֿאַר וואָס האָסטו נישט געוואָלט?

– עס איז נישט גוט, – לערנט די עלטערע די יונגע, – צו פֿיל זיך אַרײַנלאָזן מיט אַזאַ „דזשענטלמאַן“ טויג נישט. דאָס איז נישט פֿאַר אונדזערס איינער. אונדזערס איינע איז אַזוי: געטראָפֿן אַ דזשענטלמאַן, וויל ער גיין מיט דיר אויף סאַפּער – גוט, געגאַנגען מיט אים, געווען מיט אים, אָפּגעצאָלט. איך גיי מיר מײַן וועג, דו – דײַן וועג. איך קען דיך נישט, דו – מיך נישט. אַז נישט, ווייסטו נישט, מיט וועמען דו קענסט זיך אַרײַנלאָזן און דו קענסט נאָך אַרײַנפֿאַלן אין „טראָבל“ – די פּאָר „גינעס“ פֿון דיר צונעמען, אָדער אַנדערע צרות אָנטאָן. עס איז נישט גוט.

אין דעם איז דער יונגער־מאַן, וואָס איז שוין אַ פּאָר מאָל פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַרבײַ זיי ווידער צוגעקומען צו די מיידלעך, געקוקט זיי אין פּנים אַרײַן, און אַלץ נישט געקענט אָפּמאַכן זײַן מיין, צוצוגיין צו זיי, צי נישט.

– גיב נאָר אַ קוק ווי דער גרינהאָרן האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אונדז. קום שוין אַהער גרינע אוגערקע, – האָט זיך אָנגערופֿן די עלטערע.

דער יונגער־מאַן האָט געגעבן אַ ווייכן סאַמעטן בליק אויף דער ייִנגערער, וועלכער האָט אויסגעדריקט שרעק און ווי עפּעס בעטנדיק זיך, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט שטעלט ער זיך שוין אָפּ, ווידער האָט ער נישט געוואַגט און ווײַטער געגאַנגען.

– כלעבן, דו געפֿעלסט אים, דושע, – האָט געזאָגט די עלטערע, – און פֿון אַזאַ „העכט“, אַז מען כאַפּט, קען מען אַרויסציִען עטלעכע שיינע „גינעס“, עס איז גאָר אַ גרינע חיה – זאָלסט נאָר קענען פֿון אים אַרויסציִען.

די ייִנגערע איז פֿאַרשעמט געוואָרן און דערשראָקן אַ ביסל, און האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן.

– שאַ, אָט קומט ער נאָך אַ מאָל , דו מאַך זיך גאָר נישט קוקנדיק אויף אים, האָב אים אין דר׳ערד. וואָס ווינציקער דו וועסט קוקן אויף אים, אַלץ טיפֿער וועט ער ליגן צו דײַנע פֿיס. נאָר טאָמער וויל ער אַוועקגיין, דאַן גיב איין בליק אויף אים. אָבער אַזאַ קוק, אַז דו זאָלסט אים דער מוטערס מילך אַרויסנעמען מיט דעם קוק.

די ייִנגערע איז שטיל געווען און דערשראָקן. דער יונגער־מאַן האָט זיך יעצט דערנענטערט צו זיי, אָפּגעשטעלט זיך.

דער ייִנגערערס האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן:

– קען מען אײַך באַגלייטן? – האָט דער יונגער־מאַן אָנגעהויבן צו שטאַמלען.

די ייִנגערע האָט געקוקט אויף דער עלטערער.

– עס באַלאַנגט וווּהין – האָט זיך די עלטערע אָפּגערופֿן.

דער יונגער־מאַן איז צעטומלט געוואָרן פֿון אַזאַ ענטפֿער און האָט געשטאַמלט.

– יאָ, וווּהין?

– אין קאַפֿע ראָיאַל, דאָרט שפּילט שיינע מוזיק.

– יאָ, אין קאַפֿע ראָיאַל – האָט דער יונגער־מאַן געשטאַמלט.

דער יונגער־מאַן האָט אָנגעהויבן מיט זיי מיטצוגיין.

– זעסט, ווי מען מאַכט עס? – האָט די עלטערע צעביטן דעם זאַץ אין ייִדיש צו דער ייִנגערער. די ייִנגערע האָט געשוויגן, נאָר איר האַרץ האָט געקלאַפּט.

– נאַ, גיי דו בײַ זײַן זײַט, דו געפֿעלסט אים – האָט די עלטערע קונציק געגעבן זיך אַ דריי און צוגעשאַרט די ייִנגערע צו דער זײַט פֿון דעם יונגן־מאַן.

די ייִנגערע איז געבליבן פֿאַר אַ מינוט דערשטוינט; דאָס קלאַפּן פֿון איר האַרץ האָט זיך געהערט אין דער הייך.

– האָב נישט קיין מורא, איך וועל שוין רעדן פֿאַר דיר. דו קוק אים נאָר אין די אויגן אַרײַן, – האָט די עלטערע געלערנט די ייִנגערע.

זיי זענען אַלע דרײַ געגאַנגען אין קאַפֿע ראָיאַל.

**II**

חיים פֿישער האָט געהאַט שיינע מוידן, מוידן מיט גערדיכטע, שוואַרצע צעפּ האָר, און מען האָט געזאָגט, אַז אַ בוים מיטן וואָרצל וואָלט אַזאַ מויד געקענט אַרויסרײַסן מיט אירע צעפּ. רויטע געזונטע באַקן און גלאַנציקע אויגן. די מוידן האָבן געשמט איבער דער מדינה. האָט טאַקע חיים פֿישער מיט זיי גוטע שידוכים געטאָן. איינע האָט ער אויסגעגעבן קיין קרושנעוויץ, געגומען אַ רײַכן פֿערד־סוחר אַ מאַן, אַן אַלמן. אַן אַנדערע האָט ער חתונה געמאַכט פֿאַר אַ קצבֿס אַ זון, און נאָך דרײַ האָבן זיך בײַ אים אין שטוב אָרומגעדרייט. דינען וועט ער זיי ניט שיקן, עס פּאַסט ניט פֿאַר חיים פֿישער, אַז זײַנע טעכטער זאָלן דינען. האָבן די מוידן פֿאַרפֿירט אַ שטאָט מיט יונגען. אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געטאָן, נאָר זיך אויסגעזעצט אַלע דרײַ, ווי די ליאַלקעס, אויפֿן גאַניקל, אין שמאָלן געסל, זומערלעב, אין די בלויזע העמדער, אין די רויטע אונטערקליידער, מיט די נאַקעטע הענט און בוזעמס אַרויס פֿאַר דער אָפֿענער שײַן, און זיך אויסגענייט געהאָפֿטענע וועש און געזונגען לידער. פֿאַר נאַכט, ווען די וואַלקאַזשעס מיט די שטעפּ־מאַכער און די סוביעקטן פֿון די געשעפֿטן זענען אַהיימגעקומען פֿון דער אַרבעט, האָבן זיי זיך אָפּגעוואַשן מיט שמעקנדיקן זייף. ווער עס האָט געהאַט האָט זיך אויסגעפּוצט אין די שבתדיקע קראַוואַטן און געקליבן אַרום זיך די מוידן. דאָס גאַנצע געסל האָט געשווינבלט מיט יונגען אַ גאַנצן אָוונט, געדרייט זיך אַרום די מוידן, ווי בינען אַרום האָניק. אַ טייל האָט געהאַט דאָס גליק צוגעלאָזן צו ווערן,

זענען זיי געזעסן אויף די טרעפּלעך פֿון גאַניקל און געזונגען לידער. אַנדערע האָבן זיך געדרייט אין געסל. אַזוי האָט דאָס יונגוואַרג געברויעט אַ גאַנצע נאַכט און ניט געלאָזט דאָס גאַנצע געסל ווײַבער און ייִדן קיין אויג צוטאָן, ביז דער פֿישער איז אַרויסגעקומען אויפֿן גאַניקל אין די גאַטקעס, און מיטן פּאַסיק אַרײַנגעיאָגט די מוידן אין שטוב אַרײַן. און צו די יונגען האָט ער געזאָגט:

– איר גייט אַהיים. איר וועט זיך אַ כאָליערע אַוועקלייגן!

און אַז די יונגען האָבן געזען, אַז די מוידן זענען אין שטוב פֿאַרשוווּנדן, זענען זיי זיך צעגאַנגען, און דאָס געסל האָט געקענט אײַנדרעמלען.

אין די זומערדיקע שבתים נאָך מיטאָג, ווען די גאַנצע שטאָט זאָגט „פּרק“, האָבן די מוידן צוזאַמענגענומען די יונגען און האָבן געמאַכט אַ טאַנץ. איז דער רבֿ דערפֿון געוווּיר געוואָרן, האָט ער געשיקט נאָך חיים פֿישער און אים געסטראַשעט, אַז ער וועט אים די פֿיש אַסרן, אויב ער וועט די „נײַע מאָדע פֿון טאַנצן“ ניט אונטערברענגען. האָט חיים צעטריבן די יונגען און עס איז געוואָרן אויס טאַנץ.

האָבן זיך די מוידן נישט געהאַט ווּ אַהינצוטאָן אין שטעטל. האָבן זיי אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַוועקפֿאָרן פֿון דער היים אין דער גרויסער שטאָט. איז איינע אַוועקגעפֿאָרן צום זמן נאָך לאָדזש און איז דאָרט געבליבן אַ גאַנצן ווינטער. אויף פּסח איז זי צוריקגעקומען און האָט מיט זיך געבראַכט אַ פֿולן קאַסטן מיט וועש און קליידער, מיט אַ ווינטער־מאַנטל און אַ פּאָר שיך מיט אַ פּאָר קאַלאָשן. זי האָט געזאָגט, אַז זי אַרבעט אין אַ גרויסן וואַרן־געשעפֿט, אַ פֿאַרקויפֿערין איז זי דאָרט. אין שטעטל האָט מען גערעדט, אַז זי איז פּשוט אויף אַ שטעל פֿאַר אַ דינסט. און אַנדערע האָבן נאָך ערגערס געזאָגט…

איז חיים פֿישער דערפֿון געוווּיר געוואָרן. איז ער שוין אַרויסגעגאַנגען אין גאַס שלאָגן די וואָס רעדן, איז געוואָרן אַ גרויס גערודער יום־טובֿ אין שולכל, ווּ עס דאַוונען די פֿישערס. איז חיים געקומען פֿון שול אַ בייזער און האָט געשוויגן אַ גאַנצן יום־טובֿ. אַז די מויד האָט זיך געקליבן ווידער צו פֿאָרן קיין לאָדזש, האָט חיים פֿישער געזאָגט, אַז ער וועט זי נישט לאָזן. זי זאָל זײַן אין דער היים. און ווען עס געפֿעלט איר נישט די היים, לאָז זי גיין פֿאַר אַ דינסט, נאָר נאָך לאָדזש וועט ער זי נישט לאָזן. און ער האָט אײַנגעשלאָסן דער מוידס קליידער מיט די וועש, מיט די שיך און די נײַע פּאָר קאַלאָשן. האָט זיך די מויד אַרויסגעגנבֿעט בײַ נאַכט, אַ יונג האָט איר געהאָלפֿן אַרויסצוגנבֿענען דעם קאַסטן מיט די זאַכן. און זי איז אַנטלאָפֿן.

אַ לאַנגע צײַט האָט מען פֿון דער מויד ניט געהערט. אין יאָרן אַרום איז אָנגעקומען פֿון איר אַ בריוו פֿון לאָנדאָן מיט אַ טשעק אויף אַ פּאָר פֿונטן, וואָס די עלטערן האָבן נישט געוווּסט וואָס דאָס איז. אין דעם בריוו שרײַבט זי, אַז זי האָט זיך ניט, גאָט צו דאַנקען, צו באַקלאָגן. עס גייט איר נישט שלעכט. זי איז אין אַ געשעפֿט פֿון ווײַסוואַרג. און דער בעל־הבית איז צו איר גוט. זי האָפֿט נאָך אין גיכן אירע עלטערן צו דערפֿרייען מיט פֿריילעכע נײַעס… זי שטייט אין שידוכים, שרײַבט זי מיט פֿיל־מיינענדיקע פּינטעלעך…

דער פֿאָטער האָט געטראָגן דעם בריוו אין שולכל אַרײַן און האָט אים געגעבן אַלעמען צו לעזן.

איז דורכגעגאַנגען ווידער אַ לאַנגע צײַט, און די „פֿריילעכע נײַעס“ האָבן זיך נישט געהערט. און ווען די עלטערן האָבן זיך שוין געהאַט מיאש געווען דערפֿון, איז אָנגעקומען אויף ראָש־השנה אַ ווּנטשקאַרטע אַזוי גרויס ווי אַ טעלער, מיט אַ שיף און טויבן און אַלערליי געמעלן – און קיין איין וואָרט ניט מער. אין אַ געוויסער צײַט אַרום, אויף אַ פּסח, איז אָנגעקומען אַ טשעק אויף פֿינף פֿונט, אָן אַ וואָרט, דאַן איז באַלד ווידער אָנגעקומען אַ בריוו: „טײַערער טאַטע און טײַערע מאַמע“, און זי שרײַבט, אַז גיין גייט איר גוט, עס פֿעלט איר חלילה קיין זאַך נישט, נאָר איינס פֿעלט איר יאָ – דאָס איז „אַ מאַמעס האַרץ“. עס איז שלעכט צו זײַן צווישן פֿרעמדע מענטשן אַליין, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער שעפּס פֿון דער סטאַדע. און ערשט איצט ווייסט זי ווי

אָפּצושאַצן וואָס עלטערן זענען פֿאַר אַ קינד. אין דער פֿרעמד ווייסט מען דאָס ווי צו שעצן... און זי שרײַבט, אַז ווען זי וואָלט געקענט האָבן אַ נאָענטן מענטשן מיט זיך, וואָלט איר קיין איין זאַך ניט געפֿעלט... אין דער משפּחה האָט מען געוויינט אויף דעם בריוו, ווי צו תּישעה־באָבֿ... נאָר קיין „טײַערע מאַמע" איז שוין נישט געווען, וואָס זאָל באַגיסן דעם בריוו מיט הייסע טרערן. די מוטער איז דורך דער צײַט שוין געשטאָרבן.

אין דער היים, בײַם אַלטן חיים, איז נאָך איבערגעבליבן דעם פֿעטער זרחס, עליו־השלום, אַ מיידל, וואָס דער אַלטער פֿישער האָט נאָך דעם ברודערס טויט צו זיך אין שטוב אַרײַנגענומען און געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד. וואָרעם זײַנע אייגענע טעכטער האָט ער שוין געהאַט אויסגעגעבן. און דער אַלטער פֿישער איז געקומען אויף דער עלטער, און קיין נדן פֿאַר דעם ברודערס טאָכטער האָט ער אויך ניט געהאַט, און קיין שידוך פֿאַר דער מויד האָט זיך נישט געמאַכט, האָט מען אַוועקגעשריבן אַ בריוו צו דער שוועסטער אין לאָנדאָן: אַז „די מאַמע, אין ליכטיקן גן־עדן זאָל זי זײַן, לעבט שוין נישט מער און דער טאַטע איז שוין צו אַלט אַליין אַרויסצופֿאָרן צו די אָזערעס נאָך פֿיש... אַז עס וואָלט ווער צוגענומען דעם פֿעטער זרחס טאָכטער, וועלכע איז בײַם טאַטן, וואָלט ער געגאַנגען צום איידעם נאָך קרושנעוויץ. בלויז העלפֿנדיק אים בײַ דער יאַטקע, וואָלט ער זיך פֿאַרדינט זײַן שטיקל ברויט."

איז באַלד אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אָנגעקומען אַ בריוו פֿון לאָנדאָן, מיט אַ טשעק אויף פֿונטן, אַז דעם פֿעטער זרחס טאָכטער, דושע, זאָל נישט אַנדערש טאָן, נאָר גלײַך קומען צו פֿאָרן צו איר קיין לאָנדאָן. „זי וועט דאָ, שרײַבט זי, גליקלעך ווערן."

האָט מען דער מויד אײַנגעפּאַקט אַ קאַסטן מיט זאַכן, מושווה געוואָרן מיט נטען דעם פֿורמאַן פֿאַר גנבֿענען די גרענעץ. און נטע האָט געשוואָרן בײַ זײַן „ווײַב און קינד", אַז ער וועט די מויד אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ ביז איבער דער גרענעץ. און איבער דער גרענעץ וועט ער זי מיטגעבן מיט אַ פּאַרטיע „ליטוואַקעס", וועלכע פֿאָרן נאָך לאָנדאָן.

**III**

אַז די קוזינע איז אַראָפּגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט ראָזע נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט איר. ראָזע האָט זיך געמאַכט איר כּשר שטיקל ברויט פֿון דעם, וואָס זי איז געווען אַ גאַסן־מיידל, אַ בכּבֿודיק גאַסן־מיידל. קיין פֿרײַנד האָט זי נישט געהאַט, ווייניק באַקאַנטע, אַחוץ איר בעל־הביתטע, די דזשעניטאָרין, אַ גוטע אַלטע אײַרישע פֿרוי, מיט וועלכער ראָזע האָט זיך גוט באַפֿרײַנדט. אָפֿט מאָל איז די גויע אַרויפֿגעקומען צו איר, געגעסן בײַ איר, און ראָזע האָט איר מתּנות געגעבן. די גוטע אײַרישע האָט אַלץ געהאָפֿט, אַז ראָזע וועט אָננעמען דעם אמתן קריסטוס־גלויבן, און ווערן אַ באַפּטיסטין, ווי זי איז אַליין. ראָזעס פּראָפֿעסיע איז איר נישט אָנגעגאַנגען: „יעדן איינעם קומט נישט אָן דאָס שטיקל ברויט לײַכט". נאָר ראָזעס גלויבן האָט איר נישט געלאָזט רוען, און זי האָט אַלץ געהאָפֿט, אַז די שיינע ייִדין וועט ווערן אַרונטערגענומען אונטער קריסטוסעס פֿליגלען און נישט אַנדערש, ווי אונטער זײַנע „באַפּטיסטישע" פֿליגלען.

ראָזע אָבער האָט געזאָגט: טאַקע, זי איז אַ גאַסן־מיידל, אָבער דעם גלויבן פֿון אירע עלטערן וועט זי נישט בײַטן, אַפֿילו ווען מען זאָל איר אַוועקגעבן דעם „קינגס פּאַלאַץ".

אייגנטלעך האָט ראָזע נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס עס איז אַזאַ שלעכטע זאַך צו זײַן אַ גאַסן־מיידל. נאָר אַלע האָבן געהאַלטן, אַז אַ גאַסן־מיידל איז אַ שלעכטע און אַ מיאוסע זאַך, האָט זי אויך אַזוי געהאַלטן און זי האָט זיך געהיט דערמיט פֿאַר באַקאַנטע און לאַנדסלײַט. דורך דעם איז זי ניט געגאַנגען אין די גאַסן, ווו זי האָט געקענט באַגעגענען אַ לאַנדסמאַן, זי האָט אויסגעמיטן „ווײַטשעפּל" און דעם גאַנצן „איסטענד", זי האָט גערעדט ענגליש, און געהאַלטן זיך פֿאַר אַ ליידי. אָנטאָן האָט זי זיך געקענט נאָך פֿון דער היים. פֿון שטענדיק

איז זי אַרײַן אין די הויכע גאַסן אַלס „פּיקאָדילי“ – צום אַדמיראַל־סקוועור, געזעסן אין די לאָביס פֿון די האָטעלן. מיט דער צײַט געקראָגן איר שטענדיקע „קונדשאַפֿט“, אַ פּאָר „דזשענטללײַט“, מיט וועלכע זי איז אויסגעגאַנגען אויף סאַפּער נאָר דורך „אַפּוינטמענטס“.

געוווינט האָט זי אין איר אייגן צימער, בײַ איר אײַרישער פֿרײַנדין. קיין מאָל האָט זי קיינעם ניט געבראַכט אַהיים צו זיך אין צימער, אַחוץ אירע פֿרײַנדין־„ליידיס“. די שכנים האָבן אייגנטלעך ניט געוווּסט, מיט וואָס זי באַשעפֿטיקט זיך , פֿון אירע קליידער און מאַנירן האָט מען עס אויף איר אויך נישט אָנגעזען.

צו ערשט האָט זי געהאַלטן איר „קוזינקע“ בײַ זיך, זי איז צוליב דער „קוזינע“ נישט אַרויסגעגאַנגען אין די אָוונטן, און זי האָט זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך נישט געזאָגט דער קוזינע מיט וואָס זי באַשעפֿטיקט זיך. אָבער באַלד האָט זיך דאָס אָפּגערופֿן אויף אירע פֿינאַנסן. קיין געלט האָט זי נישט געהאַט, געלעבט ווי יעדער „פּראָלעטאַריער“ פֿון דער האַנט אין מויל. דאַן האָט זי גענומען פֿאַרלירן קונדשאַפֿט. האָט זי פֿאַר דער קוזינע געדונגען אַ באַזונדער צימער ערגעץ ווו אין די ייִדישע געגנטן, און אַליין האָט זי זיך ווײַטער באַשעפֿטיקט מיט איר באַשעפֿטיקונג.

דעם פֿעטער זרחס טאָכטער האָט געפּרוּווט פֿאַרדינען, געגאַנגען אין שאַפּ אַרײַן אַרבעטן. קיין אַרבעט איז ניט געווען, און דאָס וואָס זי האָט יאָ געקענט פֿאַרדינען, האָט ניט געקלעקט אויף איר אויסהאַלטן, און דערבײַ איז די אַרבעט געווען אַזאַ שווערע, אַז זי האָט אין די ערשטע פּאָר וואָכן אויפֿגעגעסן „דאָס גרינע מיידל“, און די „רויטע באַקן“, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פֿון דער היים, זענען בלייך געוואָרן, און די ליפּן גרעבער, און די אויגן אויסגעלאָשן, און אַז ראָזע האָט דערזען, וואָס עס איז געוואָרן פֿון דער קוזינע, איז איר האַרץ צעשניטן געוואָרן.

דערווײַל איז די ייִנגערע אויך געוויר געוואָרן, מיט וואָס די עלטערע באַשעפֿטיקט זיך. קיין גרויסן אײַנדרוק האָט עס אויף איר נישט געמאַכט, דערפֿאַר, וואָס זי האָט נישט געזען קיין אָפּשטויסנדיקס, און האָט נאָר געזען, ווי איר קוזינע וווינט אין אַ פֿײַנער וווינונג, טוט זיך אָן אין זײַדנס, אין אויסגעהאָפֿטענע העמדער, די שענסטע היט, טוט גאָרנישט אַ גאַנצן טאָג און האָט נישט קיין „באָס“ איבער זיך, און דאַרף נישט זיצן אין שאַפּ אין די הייסע זומערטעג – אין אָוונט גייט זי אויס סאַפּער עסן מיט פֿײַנע לײַט וועלכע באַהאַנדלען זי אַזוי פֿײַן, און אַזוי אָנשטענדיק – אַדרבא, דער קוזינעס פּראָפֿעסיע האָט איר אימפּאָנירט, זי איז שטאָלץ געווען, וואָס זי האָט אַ קוזינע אַזאַ „גרויסאַרטיקע ליידי“ – און זי פֿלעגט אָפֿט אַרויסקומען צו איר, זיצן בײַ איר און באַוווּנדערן אירע קליידער, אירע שיך און אירע היט. – ענדלעך האָבן די מיידלעך געוווינט צוזאַמען.

צו ערשט האָט די עלטערע פֿאַרדינט, און די ייִנגערע איז געבליבן אין דער היים. זי האָט זיך אָנגעטאָן אין דער קוזינעס געניצטע קליידער, געגעסן גוט – און באַלד אָנגעהויבן אויסצוזען פֿריש און שיין. דער שאַפּ איז אַוועקגעשוווּמען, ווי אַ בייזער חלום – שוין קיין מאָל נישט צוריקצוקומען. פֿון קיין אַנדער פּרנסה האָט מען נישט געקלערט. עס איז זיך נישט געווען צו וואָס צו נעמען. און קיין פּרנסה האָט נישט אויסגעזען בײַ איר אַזוי גרינג, אַזוי פֿײַן און אַזוי אָנשטענדיק ווי איר קוזינעס... און אַ מאָל האָטביידע מיידלעך געטראָפֿן אויף דער גאַס איינער פֿון ראָזעס פֿאַרערער, אַן עלטערער דזשענטלמאַן שוין – זייער אַן אָנשטענדיקער „דזשענטלמאַן“, ער האָט זיך זייער געפֿרייט מיט רחלען, ראָזעס שוועסטער, אַזוי האָט זי ראָזע פֿאָרגעשטעלט, און ער האָט אָפֿט ביידע „שוועסטער“ אײַנגעלאַדן צו „סאַפּער“ אין „מאָנאָקאָ“. עס איז געווען אַזוי אָנשטענדיק... און ביסלעכווײַז האָט ראָזע מיטגענומען איר קוזינע און אָנגעהויבן איר איבערצוגעבן די סודות פֿון איר פּראָפֿעסיע – ביז מיר האָבן זיי געטראָפֿן אויף פּיקאָדילי, בײַ דעם סקוועור פֿון די טויבן... ביז ראָזע האָט מיטגענומען איר קוזינע אויף דער גאַס און געפֿירט זי אין „קאַפֿע ראָיאַל“.

## IV

נאָך דעם ווי זיי זענען אַלע דרײַ אָפּגעזעסן אַ געוויסע צײַט אין „קאַפֿע ראָיאַל“, געטרונקען קאַווע און ליקער, האָט ראָזע געזאָגט צו די ייִנגערע:

– וואָס וועט זײַן דער סוף פֿון זיצן, איך וועל אײַך לאָזן אַליין – איר וועט זיך שוין אַן עצה געבן אָן מיר.

– ניין, ראָזע־לעבן, איך בעט דיך, גיי נישט אַוועק – האָט די ייִנגערע אָנגעכאַפּט די עלטערע בײַ דער האַנט, – איך האָב מורא צו זײַן אַליין.

– מורא, אין לאָנדאָן האָט מען נישט קיין מורא, – האָט די עלטערע געלאַכט – גיי שוין נאַר, בלײַב אַליין מיט אים, ער וועט דיך נישט אָפּבײַסן, דזשענטללײַט האָבן ליב צו זײַן אַליין מיט זייערע ליידיס. „איז'נט סאָ?“ – האָט זי געזאָגט צום יונגן־מאַן אויף ענגליש.

– שור, יו אַר רײַט – האָט דער יונגער־מאַן געשטאַמלט פֿאַרלעגן.

– און פֿריִער געלט, דו הערסט. נישט ווינציקער אַזוי ווי איך האָב דיר געזאָגט, און מאַך נישט מיט אים קיין לאַנגע מעשׂיות. – האָט זי געזאָגט צו דער ייִנגערער אויף ייִדיש, אַז דער דזשענטלמאַן זאָל נישט פֿאַרשטיין…

די ייִנגערע איז רויט געוואָרן, איר האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן נאָך העכער: טיק־טאַק, האָט אויף אַלע געקוקט אין קאַפֿעהויז, אויף די געסט, אויף די מיידלעך אַרום די טישן, וואָס זיצן און רייכערן סיגאַרלעך, נאָר נישט אויף איר „באַשערטן“, וואָס איז געזעסן קעגן איבער איר.

דער יונגער־מאַן האָט באַשטעלט נאָך קאַווע, נאָך ליקער, גערעדט האָט ער מיט ראָזען אין ענגליש, וואָס די ייִנגערע האָט האַלב פֿאַרשטאַנען.

– זי איז נישט לאַנג אין לאָנדאָן, און ווייס נאָך נישט ווי אומצוגיין מיט „דזשענטללײַט“ – האָט ראָזע פֿאַרענטפֿערט איר קוזינע פֿאַרן גאַסט.

– אָבער דערפֿאַר איז זי אַ שיינע – האָט דער גאַסט געזאָגט קוקנדיק אויף איר.

– זי איז דאָס שענסטע מיידל פֿון סקווער, – האָט ראָזע געזאָגט, און שטופּנדיק הינטער אַרום איר קוזינע, האָט זי צוגעלייגט אויף ייִדיש:

– דער גוי איז פֿאַרליבט אין דיר. קענסט רײַסן פֿון אים אַ פּאַס, דו גרינע אוגערקע.

אָבער די ייִנגערע איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרשעמטע, רויט־טויט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן און וואָס צו זאָגן.

– זאָל איך רעדן פֿאַר דיר, איך וועל טאַפּן דעם דופּק, אויב עס לוינט זיך, – האָט די עלטערע געזאָגט.

– ראָזע־לעבן, איך בעט דיך – האָט די ייִנגערע אָנגעכאַפּט די עלטערע בײַ דער האַנט און געבעטן זיך, אַז זי זאָל שווײַגן.

– וואָס וועט זײַן דער סוף? עס ווערט דאָך שפּעט, אַז איך וואָלט אַזוי געזאָלט בײַ יעדן גאַסט באַלעמוטשען, מאַכן חנדלעך, וואָלט איך שיין אויסגעזען! איך וואָלט אויף קיין שיך נישט געהאַט!

– ראָזע־לעבן, איך וויל אַהיימגיין, – האָט די ייִנגערע געזאָגט.

– פֿאַר וואָס?

– איך ווייס נישט פֿאַר וואָס, איך האָב מורא.

– פֿאַר וואָס האָסטו מורא?

– איך ווייס נישט, איך האָב מורא.

– עס איז נישט שיין צו באַליידיקן אַ גאַסט, ער האָט געלט געספּענדעט.

– מײַן פֿרײַנדין איז קראַנק, פֿילט זיך ניט מיט אַלעמען – דער דזשענטלמאַן וועט דאָך מיט מיר בלײַבן – האָט זי זיך געווענדט מיט אַ פֿאַרשאַרט שמייכעלע צום גאַסט.

– אַז די פֿרײַנדין וועט נישט אײפֿערזיכטיק זײַן – האָט דער „דזשענטלמאַן" געזאָגט.

– מײַן פֿרײַנדין איז נישט קיין אײפֿערזיכטיקע – האָט ראָזע געלאַכט, – ס'וואַר? נאַ, נעם די שליסל און גיי אַהיים – גיט זי איבער דער קוזינע די שליסל – איך וועל זיך באַלד מיט אים אָפּפּאַרטיקן – גיט זי צו צו דער ייִנגערער אויף ייִדיש...

שפּעטער, אַז ראָזע איז צוריקגעקומען אין וווינונג, ווי זיי האָבן געוווינט, האָט זי אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זײַדענעם זאָק אַ פּאַפּירענעם פֿינף־פֿונט־שטיק און האָט עס צוגעוואָרפֿן צו דער ייִנגערער.

– נאַ זעסט, וואָס איך האָב אַרויסגעקריגן פֿון דעם הונט.

די ייִנגערע איז נישט געשלאָפֿן. זי איז געלעגן אויפֿן בעט אַן אָנגעטאָנענע, מיט די צעפּלאָשעטע האָר. זי האָט געלאָזט פֿאַלן דעם פֿינף־פֿונט־שטיק און איז רויט געוואָרן.

– נאַ, נעם צו, עס איז דײַן געלט.

די ייִנגערע איז נאָך מער רויט געוואָרן.

– מײַן? – האָט זי געשמייכלט.

– יאָ, איך בין געגאַנגען פֿאַר דיר.

די ייִנגערע האָט געשוויגן.

– פֿאַר וואָס ביסטו נישט געגאַנגען מיט אים? „אַ נײַס דזשענטלמאַן" געווען.

– ער איז מיר נישט געפֿעלן, – האָט די ייִנגערע געזאָגט.

– נאַר איינע, דו האָסט דען חתונה מיט אים? ביסט זיך משדך מיט אים, צי וואָס? הײַנט קענסטו אים, מאָרגן נישט. וואָס אַרט עס דיך?

די ייִנגערע האָט געשוויגן.

– ווייסטו וואָס, די באַשעפֿטיקונג איז נישט פֿאַר דיר, – זאָגט ראָזע, אויסטוענדיק זיך די זאָקן, – צו דער באַשעפֿטיקונג באַדאַרף מען האָבן אַ גאַנץ אַנדערן סאָרט כאַראַקטער. מען באַדאַרף וויסן ווי דערמיט זיך אומצוגיין, אַזוי ווי איך. איך האָב מורא, אַז דו וועסט עס קיין מאָל נישט קענען.

די ייִנגערע האָט געשוויגן.

– דו כּלהסט זיך צו פֿיל מיט זיי, אַזוי ווי עס וואָלט געווען דײַן חתן. איך וואָלט זיך דורך דער צײַט מיט דרײַ אָפּגעפּאַרטיקט – זאָגט די עלטערע, אויסטוענדיק דעם צווייטן זאָק פֿון פֿוס.

– נו, איך הייב דאָך ערשט אָן, איך וועל זיך אַוודאי צוגעווינען, פֿאַרענטפֿערט זיך די ייִנגערע.

– איך האָב מורא, אַז נישט, צו דעם באַדאַרף מען האָבן אַ גאַנץ אַנדער סאָרט כאַראַקטער... – זאָגט די עלטערע, אויסטוענדיק זיך דאָס קלייד.

## V

אין די נעקסטע פּאָר וואָכן האָט ראָזע טאַקע איר קוזינע נישט מיטגענומען צו איר באַשעפֿטיקונג. די מיידלעך האָבן געוווינט צוזאַמען, געגעסן צוזאַמען. דושע האָט אָנגעטאָן ראָזעס האַלקעלעך און בלוזקעלעך און ראָזע האָט איר געגעבן קליינגעלט. ראָזע האָט זיך ווידער באַשעפֿטיקט בײַ איר באַשעפֿטיקונג, אַרויסגעגאַנגען יעדן אָוונט צו אירע באַשטעלונגען. איז נישט געווען קיין „באַשטעלונגען", איז זי געגאַנגען אויפֿן סקוועיר זוכן באַשעפֿטיקונג, וואָס זאָל איר און איר קוזינע געבן אויף חיונה. די קוזינע האָט גאָרנישט נישט געטאָן. בײַ טאָג האָבן די מיידלעך זיך געקאָכט, גענייט, אויפֿגעהאָפּטן זיך שיינע, געשטיקטע וועש. זיי פֿלעגן זיך דערציילן

מעשׂיות פֿון דער היים, לאַכן און פֿרייען זיך, אָבער ביידע האָבן געבענקט נאָך עפּעס – נאָך וואָס, האָבן זיי אַליין נישט געוווּסט. אַ מאָל פֿלעגט מען אויך רעדן וועגן ראָזעס באַשעפֿטיקונג. ראָזע האָט איר דערציילט פֿון די „דזשענטללײַט“, מיט וועלכע זי האָט נעכטן געגעסן סאַפּער און נישט איין מאָל געמאַכט צוזאַמען דאָס געלעכטער פֿון זיי, דערציילנדיק דערבײַ די אינטימסטע זאַכן, אָן זיך עפּעס צו זשענירן, צו פֿאַרשעמען זיך, אָדער צו פֿילן, אַז זי זאָגט עפּעס נישט שיינס…

צי דערפֿאַר, וואָס דושען איז פּריקרע געווען צו לעבן אויף ראָזעס חשבון, צי צוליב אַנדערע אורזאַכן – ווער קען וויסן? דושען האָט זיך פֿאַרגלוסט צו גיין צוריק צו דער אַרבעט אין שאַפּ. און אַז ראָזע האָט געהערט דערפֿון, האָט זי געזאָגט צו איר:

– וואָס פֿאַלט דיר אײַן? דאָס געזונט און לעבן אַוועקלייגן פֿאַר צוועלף שילינג אַ וואָך? וואָס וועסטו האָבן דערפֿון?

די ייִנגערע האָט געשוויגן אַ ווײַלע, דאַן האָט זי זיך אָפּגערופֿן מיט האַרצקלאַפּונג:

– ראָזע, ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן… – און האָט אָפּגעהאַקט.

– וואָס ווילסטו זאָגן?

– איך גלוסט אויך נישט צו גיין צוריק אין שאַפּ.

– ווער הייסט דיר דען? – זאָגט די עלטערע און שווײַגט.

– און וואָס דען וועל איך טאָן?

– וואָס זאָלסטו טאָן?

און דאַן האָט דאָס געשפּרעך זיך אָפּגעהאַקט.

----------

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט ראָזע געקראָגן אַ באַשטעלונג פֿון אַן אַלטן באַקאַנטן, אַ „סטעדי קאָסטאָמער“ אויף אַ „ראַנדעוווּ“. דער „סטעדי קאָסטאָמער“ האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל מיטברענגען אירס אַ פֿרײַנדין, וואָרעם ס׳וועט זײַן נאָך אַ „דזשענטלמאַן“, אַ פֿײַנער מאַן, זײַנס אַ פֿרײַנד. זיי וועלן זיך אַלע טרעפֿן אין דער „לאָבי“ פֿון אַ באַוווּסטן האָטעל. די פֿרײַנדין, האָט דער „סטעדי קאָסטאָמער“ געבעטן, זאָל זײַן אַ „נײַס לוקינג גוירל“, וואָס קען זיך „ביהייוון“ אין אַ „סאָסײַטי“. די פּאַרטי וועט האָבן סאַפּער צוזאַמען אין אַ פֿײַנעם פּלאַץ. לאַנג האָט ראָזע געקלערט וועמען מיטצונעמען. דושע האָט געוווּסט פֿון דער פּאַרטי. דושע האָט געהאָלפֿן ראָזען זיך אָנצוטאָן צו אָט דער „פּאַרטי“. מיט איר האָט זיך ראָזע מישבֿ געווען, וועלכע קלייד זי זאָל אָנטאָן, ווי אַזוי זי זאָל פֿאַרלאָקן אירע האָר, ווי אַזוי זי זאָל דראַפּירן אירע שאַלן. אָנטוענדיק זיך, האָט ראָזע גערעדט צו זיך:

– וועמען נעמט מען דאָס מיט?

האָט זיך דושע אָפּגערופֿן אין דער שטיל, האַלב מיט געלעכטער און האַלב שעמעוודיק:

– אַז דו וואָלטסט געוואָלט, וואָלט איך מיטגעגאַנגען.

– דו? – האָט זיך געוווּנדערט ראָזע – עס איז נישט פֿאַר דיר.

– פֿאַר וואָס? – האָט געפֿרעגט די יונגע דושע און איז רויט געוואָרן.

– מען דאַרף זיך קענען מיט דעם אומגיין. עס איז נישט פֿאַר דײַן כאַראַקטער.

– דו מיינסט פֿאַר דענצמאָל?.. איך בין געווען אַ גרינע, איך האָב נאָך ניט געוווּסט – האָט דושע געזאָגט.

– אַז דו ווילסט דווקא מיטגיין, קום – האָט ראָזע געזאָגט – נאָר מאַך עס שנעל, זיי וואַרטן שוין אויף אונדז.

– ראָזע „דיער“ – איז דושע אַרויפֿגעפֿאַלן אויף ראָזעס האַלדז און האָט זי אָנגעהויבן צו קושן און צו האַלדזן.

– מען דאַרף זיך אָבער אָנטאָן אַזוי, אַז זיי זאָלן די כּפּרה ווערן – זאָגט ראָזע און האָט אָנגעהויבן אַרויסצושלעפּן פֿון אירע קאַסטנס אַלע אירע באַהאַלטענע אוצרות, זײַדענע קאָלירטע אונטערקליידלעך, קליידער אין פֿאַרשיידענע פֿאָרמען און מאָדעס: געהאָפֿטענע שפּיצן, בראַסלעטן, אוירינגלעך, פּאַסקעס – און פֿון דעם אַלעמען אויסגעפּוצט דושען אַזוי, אַז זי האָט טאַקע אויסגעזען, אַז מען האָט געקענט „פֿאַר איר די כּפּרה ווערן“...

דער „סטעדי קאָסטאָמער“ האָט מיטגעבראַכט אַ פֿרײַנד, אַ יונגן־מאַן. אַלע פֿיר האָבן זיך באַגעגנט אין דער „לאָבי“ פֿון האָטעל. ראָזע האָט באַקענט דושע מיטן יונגן־מאַן און אַליין האָט זי גענומען איר „סטעדי קאָסטאָמער“ אונטערן אָרעם, דענקענדיק, אַז די צוויי הינטער זיי, דושע מיטן יונגן־מאַן, וועלן זיך שוין אַן עצה געבן אַליין. ערשט בײַם עסן האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן, אַז דושע הייבט ווידער אָן אירע שטיק... זיצט בײַם טיי ווי אַ כּלה־מיידל, האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, גנבֿעט בליקן צום יונגן־מאַן. אַנשטאָט זי זאָל אים קוקן אין די אויגן און לאַכן, שעמט זי זיך פֿאַר אים. ווערט רויט, בלייך... ענטפֿערט ניט...

דעם יונגן־מאַן, זעט אויס, איז דאָס קליין־שטעטלדיקע כּלה־שפּילן פֿון דעם גאַסן־מיידל געפֿעלן און ער האָט אויך מיטגעהאָלפֿן שפּילן דאָס חתן־כּלה־שפּיל, ראָזען איז עס נישט געפֿעלן, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט העלפֿן. זי האָט געווונקען צו דושען, געשטופּט זי, האָט געברומט צו איר אין ייִדיש. און דושע האָט געטאָן דאָס איריקע, האַלטנדיק דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, פֿאַרשעמט, מעשׂה כּלה, נאָר שיקנדיק גנבֿישע בליקן אויפֿן יונגן־מאַן.

באַלד, אָבער, האָט ראָזע אָן זיי פֿאַרגעסן. זי איז שוין געווען האַלבלעך שיכּור און פֿאַרנומען מיט איר „סטעדי קאָסטאָמער“. און אַז מ׳האָט געהאַלטן בײַם אַוועקגיין, האָט ראָזע גענומען איר „סטעדי קאָסטאָמער“ אונטערן אָרעם און איבערלאָזנדיק די צוויי הינטער זיך, האָט זי געזאָגט מיט אַ קאָקעטיש שמייכעלע:

– זיי וועלן זיך שוין אַן עצה געבן אָן אונדז.

נאָר דושע האָט אויפֿגעהויבן אירע אויגן און אָנגעקוקט ראָזען מיט אַזאַ געבעט, מיט אַזאַ פֿאַרצווייפֿלטן בליק, ווי ראָזע וואָלט זי איבערגעלאָזט אין דער טויטנשטוב פֿון אַ געפֿענקעניש.

– וואָס איז?

– ראָזע־לעבן! – האָט זיך דושע אָנגעהויבן צו בעטן.

– הייבסט שוין ווידער אָן צו פֿאַרשעמען מיך פֿאַר מענטשן? האָסט נישט באַדאַרפֿט אָנהייבן... פֿאַרטרײַבסט מיר אַלע „קאָסטאָמערס“... – האָט ראָזע געזאָגט בייז.

דושע האָט געהאַלטן דאָס פּנים אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד.

– אַ, קום! זיי וועלן זיך שוין אַן עצה געבן אָן אונדז – האָט געזאָגט ראָזע און איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק דושען מיטן פֿרעמדן יונגן־מאַן אַליין...

------------

אויפֿן צווייטן טאָג, ווען ראָזע איז שפּעט אַהיימגעקומען אויף איר וווינונג, האָט זי געפֿונען דושען ליגן אין בעט, מיט דער קאָלדרע איבערגעצויגן איבערן קאָפּ און וויינענדיק. האָט זיך ראָזע דערשראָקן, איז צוגעלאָפֿן צו איר, זיך אַוועקגעזעצט בײַם ראַנד פֿון בעט און אַרומגענומען דושען.

– וואָס איז דיר, וואָס? ביסט נישט געזונט?

דושע האָט נישט געזאָגט קיין איין וואָרט, נאָר איַינגעגראָבן איר פנים אין ראָזעס ברוסט און געוויינט, און געוויינט...

– ראָזע... ראָזע־לעבן...

– וואָס איז דיר געשען?

דושע האָט געהאַלטן אָבער אין איין כליפּען:

– ראָזע... ראָזע־לעבן...

– איך האָב דיר באַלד געזאָגט, אַז עס איז נישט פֿאַר דיר. די באַשעפֿטיקונג איז נישט פֿאַר דײַן כאַראַקטער, און דו האָסט מיר נישט געוואָלט פֿאָלגן... – האָט ראָזע געזאָגט מיט אַ פֿאָרוווּרף.

דושע האָט אַ מינוט געשוויגן, דאַן האָט זי זיך אָפּגערופֿן, אין טרערן, נאָך טיפֿער, טיפֿער אײַנגראָבנדיק איר קאָפּ אין ראָזעס בריסטן.

– ראָזע־לעבן... איך האָב דיר עפּעס וואָס צו זאָגן...

– וואָס?

– איך האָב אים ליב – האָט דושע אַרויסגעוויינט.

– וועמען? – האָט זיך ראָזע געוווּנדערט.

– אַלעקסן...

– ווער איז אַלעקס? – וווּנדערט זיך ראָזע.

– דער יונגער־מאַן, וואָס דײַן פֿרײַנד האָט געבראַכט.

– אַ, דאָס איז אַלץ? – האָט ראָזע געלאַכט – אַהאַ, דאָס איז אַלץ... כאַ־כאַ־כאַ!

דושע האָט זי אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט:

– פֿאַר וואָס לאַכסטו?

– פֿאַר וואָס איך לאַך? – זאָגט ראָזע, – אונדזערס איינע טאָר נישט ליב האָבן. דאָס איז גוט פֿאַר „גוירלס“... אונדזערס איינע האָט ניט קיין צײַט זיך אַרײַנצולאָזן אין אַזעלכע זאַכן – הײַנט דאָ, מאָרגן אויס. צו פֿיל זיך אַרײַנצולאָזן מיט איינעם איז נישט גוט.

דושע איז שטיל געוואָרן און טרויעריקער, און זי האָט אָנגעקוקט ראָזען.

– איך האָב אויך אַ מאָל ליב געהאַט, נאָר דאָס איז שוין געווען אַזוי לאַנג... – האָט זי געזאָגט ציִענדיק זיך פֿאַר שלעפֿעריקייט.

און אַז דושע האָט זי ווידער אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע אויגן, האָט זי צוגעלייגט:

– איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז די באַשעפֿטיקונג איז נישט פֿאַר דיר. בײַ דער באַשעפֿטיקונג טאָר מען נישט ליב האָבן – אַנישט, קומט גאָרנישט אַרויס דערפֿון.

דושע איז געבליבן זיצן אויפֿן בעט, אירע צוויי אויגן האָבן ערגעץ ווו געקוקט פֿאַרקלערט...